גוט שבת אלע אידן. דער מעשה די וואך הייבט זיך אן בערך ניינציג יאר צוריק אין רוסלאנד. דער בחור יעקב ישראל איז געווען אין א שווערן מצב. ער איז ליידער ארייַנגעכאפט געווארן אין רוסישען מיליטער. אזוי ווי יעדער איינער ווייסט, איז דער רוסישע מיליטער נישט געווען קיין גוטער פלאץ פאר אידן. כשרות, שבת און יום טוב זענען געווען זייער שווער צו האלטן. נאר די שטערקסטע אידן האבן געקענט אויסהאלטן און בלייבן פרום, ב"ה אז יעקב ישראל איז געווען איינער פון די שטארקע אידן.

די רוסישע אפיסערס זענען געווען מוראדיג אכזריותדיגע מענטשן וואס האבן געקענט הרג'נען א סאלדאט אן קיין סיבה. פארשטייט זיך אז די אפיסערס האבן נישט אזוי ליב געהאט דעם אידישען סאלדאט יעקב ישראל, צוליב דעם וואס ער האט געוואלט היטן די תורה אין מיליטער. למשל, האט דער אידישער סאלדאט נישט געוואלט עסן דעם נארמאלן עסן און ער האט נישט מסכים געווען צו ארבייטן שבת, וכו'. כדי צו ממעט זיין די רדיפות, האט יעקב ישראל אפילו געטון עקסטרע "שמירות" אין די וואכן. אבער די אפיסערס זענען נאכאלץ נישט צופרידן געווען מיט אים.

עס איז געווען איין אפיסער, א געוויסער רשע, וואס האט געהייסן קארלענקיעב וואס האט שטענדיג געזוכט צו מאכן שווער דעם לעבן פאר אידן אין מיליטער, בפרט פאר יעקב ישראל. ווען קארלענקיעב האט געזען אז יעקב ישראל רוט זיך שבת בשעת אנדערע סאלדאטן האבן געדארפט ארבייטן שווער, האט עס אים זייער שטארק געשטערט. איין טאג האט קארלענקיעב באשלאסן אז ער גייט ערלעדיגן יעקב ישראל.

די נעקסטע שבת איז קארלענקיעב געקומען צו יעקב ישראל. אן קיין הסבר, האט ער באפוילן יעקב ישראל צו נעמען זיין ביקס און שיסן אויף א בוים וואס איז געווען בערך 150 פיס אוועק. יעקב ישראל וועט דארפן שיסן ביז איין קויל וועט אנקומען צו דעם בוים. די איינציגסטע סיבה פארוואס יענער רשע האט געהייסן אז יעקב ישראל זאל עס טון איז געווען אז ער האט געוואלט אים טשעפענען.

יעקב ישראל האט געדענקט זיין לערנען אז טאמער איינער טוט א מלאכה אין שבת "כלאחר יד" למשל מיט די שוואכערע האנט, דעמאלט איז ער נאר עובר אויף אן איסור דרבנן און נישט קיין איסור דאורייתא. אבער, ער האט געוואוסט אז טאמער ער וועט שיסן דעם ביקס מיט זיין לינקע האנט וועט ער לכאורה דארפן שיסן עטליכע מאל כדי אנצוקומען צום בוים וואס איז געווען גאר ווייט אוועק. ער האט זיך מיישב געווען אז ער וועט יא ניצן זיין לינקע האנט, כדי נישט צו דארפן עובר זיין אויף אן איסור דאורייתא.

ווען דער אפיסער דער רשע האט געזען אז דער איד נעמט דעם ביקס אין זיין לינקע האנט, האט ער עס בכלל נישט פארשטאנען, ווייל פארשטייט זיך אז דער גוי האט נישט געוואוסט פון הלכות שבת. נאר, האט דער גוי געלאכט צו זיך, מיינענדיג אז יעקב ישראל וועט דארפן מחלל זיין זיין הייליגן טאג דורך שיסן אסאך מאל.

אן עולם איז צוזאמענגעקומען צו זען וואס וועט זיין. ווען יעקב ישראל איז געגאנגען צום פלאץ פון וואו ער וועט דארפן שיסן, האט ער שטארק מתפלל געווען אז דער אייבערשטער זאל אים ראטעווען פון חילול שבת. ער האט פאר א לאנגע צייט מצליח געווען צו היטן שבת און אנדערע מצוות אין די שווערסטע מצבים. און ער האט געבעטן נאך סייעתא דשמיא אז ער זאל געהאלפן ווערן דעם איין מאל. דער רשע איז געשטאנען לעבן אים מיט א גרויסן שמייכל, אנקוקן צו זען ווי דער איד וועט דארפן מחלל זיין שבת. בלית ברירה, האט יעקב ישראל אויפגעהויבן דעם ביקס מיט זיין לינקע האנט און עס מכוון געווען אויפן בוים. דער פארזאמעלטע עולם איז געווארן שטיל...

פאר מיר גייען ענדיגען דעם מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון עניינים אין דעם מעשה וואס האבן א שייכות צו דער פרשה. די תורה רעדט די וואך פון דעם "מקשש עצים." ער איז געווען א איד וואס האט ליידער צוזאמענגענומען העלצער אין שבת קודש און ער האט באקומען טויט שטראף דעראויף. וועלכע מלאכה האט דער מקשש געטון אין שבת קודש? עס זענען פארשידענע דעות אויף דעם. איין דעה זאגט אז ער איז חייב געווען וועגן טראגן ד' אמות אין די רשות הרבים. תוספות איז מסביר אנהייב מסכת שבת, אז א מענטש וואלט געקענט מיינען אז טראגן א זאך אין רשות הרבים איז נישט אזא הארבע עבירה. קומט די תורה אונז צו לערנען אז אפילו פאר א "קליינע" מלאכה וואס איז געטון במזיד מיט התראה, למשל פאר טראגען עפעס אין די רשות הרבים, איז מען חייב, ח"ו.

אין א געוויסע אופן איז שמירת שבת היינטיגע טעג אסאך לייכטער ווי אמאל. 75 יאר צוריק זענען אסאך אידן נעבאך אוועקגעגליטשט פון אידישקייט ווייל זיי זענען געגאנגען ארבייטן שבת. מיר האבן ב"ה נישט דעם נסיון. אבער, מיר האבן היינטיגע טעג אסאך מיני "טעקנאלאגי" און זאכן וואס ווערען נישט דערמאנט אין שלחן ערוך. קומט אויס אז היטן שבת איז נישט אזוי פשוט ווי אמאל. צוליב דעם, מוז יעדער איינער זיין א בקי אין הלכות שבת, כדי נישט עובר צו זיין, ח"ו. עס וואלט געווען א שיינע זאך ווען יעדע משפחה וואלט זיך אונטערגענומען צו לערנען כאטש צוויי הלכות ביי די שבת סעודות. עס זענען דא עטליכע ספרים, למשל "שלחן השבת" און "קביעא וקיימא" און "מבואו ועד צאתו" און נאך, וואס ברענגען היינטיגע הלכות, מנהגים און הנהגות וואס זענען נוגע צו שבת קודש.

דאס עיקר תענוג אין שבת איז דאך דער רוחניותדיגע תענוג. די גשמיותדיגע תענוגים זענען נאר דא כדי די גוף זאל נישט מקנא זיין די נשמה, אזוי ווי די באקאנטע משל פון דעם געפאנגענען זון פונעם קעניג וואס האט געמאכט א סעודה פאר די גראבע דארפסמענטשען ווען ער האט געהערט אז ער וועט אויסגעלייזט ווערן. אויב אזוי, דארף דער עיקר פון די שבת סעודות זיין די תורהס וואס מען זאגט און די הלכות וואס מען לערנט צוזאמען מיט די משפחה, און דאס פארהערן די קינדער, צוזאמען מיט די שבת מעשיות וואס מען דערציילט און די זמירות וואס מען זינגט. יעצט לאמיר ענדיגען דעם מעשה...

יעקב ישראל האט אויפגעהויבן דעם ביקס מיט זיין שוואכע האנט כדי צו ממעט זיין חילול שבת און ער האט עס געשאסן. הפלא ופלא, איז דער קויל טאקע אנגעקומען מיטן ערשטן שאס! יעדער איינער איז נתפעל געווארן, בפרט יענער שלעכטער אפיסער וואס האט עס אנגענומען אלץ נס. אזוי ווייט האט עס געמאכט א רושם אויפן רוסישען אפיסער, אז ער איז פלוצלינג געווארן איינער פון די גרעסטע תומכים פון יעקב ישראל. צום סוף, האט יענער אפיסער אפילו געהאלפן אז יעקב ישראל זאל אינגאנצן פטור ווערן פון דינען אין מיליטער. אפאר יאר שפעטער איז יעקב ישראל אנגעקומען קיין ארץ ישראל וואו ער איז געווארן א ריזיגער תלמיד חכם און רבי פאר טויזענטע אידן. ער האט געהייסן "דער סטייפלר גאון, זי"ע."

ווען מען זעט דעם מסירות נפש פונעם סטייפלר זצ"ל, צוזאמען מיט דעם מעשה פון דעם מקושש וואס איז באשטראפט געווארן וועגן א "קליינע" חילול שבת, זעט מען דעם וויכטיגקייט פון זיך פארבעסערן אין דעם ענין פון שמירת שבת כהלכתה. און דאס איינציגסטע וועג איז דורך לערנען די הלכות. דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין צו שפירן אן עכטן עונג שבת. גוט שבת אלע אידן.

**מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת נישואין של נכדתו, בת בנו הרה"צ רבי יצחק שליט"א בשעטומ"צ**

לע"נ בלומא יוכבד בן ר' אברהם צבי ע"ה

מזל טוב למוה"ר שלמה זלמן פראמאוויץ הי"ו ולמוה"ר חיים לעפפלער הי"ו לרגל שמחת לידת נכדתם לחתנו/בנו מוה"ר יצחק הי"ו

מזל טוב למוה"ר יחזקאל לונגער הי"ו לרגל שמחת נישואין של בנו אהרן הי"ו בשעטומ"צ

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**